*ב"ה*

# לעבן מיט דער צייט

*געדאנקען אויף דער פרשה פון דער וואך*
*פאר קינדער און יוגנט*
*לויט די שיחות*
*פון ליובאוויטשער רבי'ן*

## פרקי אבות

פרק ראשון
פרק שני
פרק שלישי
פרק רביעי
פרק חמישי
פרק שישי

### פרק חמישי

אין פינפטן פרק פון פרקי אבות רעכנט אויס די משנה כמה ענינים וואס זיינען אין דעם מספר עשרה. בעשרה מאמרות נברא העולם, עשרה דורות מאדם עד נח, עשרה נסיונות נתנסה אברהם אבינו ועוד.

דארף מען פארשטיין:

פארוואס דערמאנט ניט די משנה *עשרת הדברות*? לכאורה, וויבאלד אז אלע זאכן נעמען זיך פון תורה, ווי חז"ל זאגן אז די וועלט איז באשאפן געווארן בעשרה מאמרות אנטקעגן די עשרת הדברות, האט מען דאך צו אלעם ערשטן געדארפט רעכענען די עשרת הדברות, און דערנאך רעכענען די אנדערע זאכן וועלכע זיינען באשאפן געווארן אזוי ווי די עשרת הדברות.

דער ענטפער איז:

אלץ נעמט זיך טאקע פון תורה. די וועלט איז באשאפן געווארן לויט די תורה, אבער די תורה איז העכער פון וועלט. מען קען ניט רעכענען תורה צוזאמען מיט זאכן פון וועלט אזוי ווי בעשרה מאמרות נברא העולם.

צווישען די זאכן וועלכער ווערן אויסגערעכנט אין מספר פון עשרה, זיינען דא ניט נאר נאטירליכע זאכן, נאר אויך ניסים, ביז אויך די ניסים וואס זיינען געווען אין בית המקדש. די משנה רעכענט עשרה ניסים שנעשו לאבותינו במצרים און עשרה ניסים שנעשו לאבותינו בבית המקדש.

פונדעסטוועגן רעכנט ניט די משנה עשרת הדברות. ווייל תורה איז העכער אפילו פון ניסים, אויך פון ניסים פון בית המקדש. בית המקדש איז דער שלימות פון וועלט. דער תכלית פון באשאפען דעם וועלט איז "לעשות לו ית' דירה בתחתונים" - צו מאכן א דירה פאר'ן אויבערשטן. דער תכלית דריקט זיך אויס אין בית המקדש וואו די שכינה רוט.

די גמרא זאגט אז די תורה איז באשאפן געווארן פאר דער וועלט, "קדמה לעולם". דערפאר איז תורה העכער פון ניסים אויך פון ניסים אין דעם בית המקדש, וואו עס איז געווען די שלימות פון וועלט.

די הוראה פון דעם איז:

בשעת מען לערנט תורה, דארף מען לערנען תורה "לשמה". מען דארף לערנען לשם התורה, צוליב די תורה אליין. אלע אנדערע זאכן זיינען ענינים פון וועלט, וועלכע האבן ניט קיין באטרעף לגבי די תורה. תורה איז העכער פון וועלט.

(לקו"ש ח"ד ע' 1226)

---

Back to "Leben Mit Der Tzeit"

ב"ה

# לעבן מיט דער צייט

*געדאנקען אויף דער פרשה פון דער וואך*
*פאר קינדער און יוגנט*
*לויט די שיחות*
*פון ליובאוויטשער רבי'ן*

## פרקי אבות

פרק ראשון
פרק שני
פרק שלישי
פרק רביעי
פרק חמישי
פרק שישי

### פרק שישי

אין זעקסטן פרק פון אבות שטייט: אמר רבי יהושע בן לוי בכל יום ויום בת קול יוצאת מהר חורב ומכרזת ואומרת אוי להם לבריות מעלבונה של תורה, שכל מי שאינו עוסק בתורה נקרא נזוף כו'.

דארף מען פארשטיין:

וואס מיינט "עלבונה של תורה"? לכאורה, אויב איינער איז ניט עוסק אין תורה אין דער צייט ווען ער קאן יא לערנען, ווייזט ער אויף זיין אייגענע נידעריקייט. ער האט ניט גענוג שכל אפצושאצן די מעלה פון תורה. דאס איז ניט קיין עלבון פאר דער תורה, נאר אן עלבון פאר דעם מענטשן וואס לערנט ניט.

אויך איז ניט פארשטאנדיק: דער לשון "*עוסק*" בתורה. תורה דארף מען *לערנען*, וואלט דאך געפאסט בעסער דער לשון "*לומד* תורה".

דער ענטפער איז:

ר' יהושע בן לוי רעדט דא וועגן אזא וואס לערנען, לערנט ער, יומם ולילה, נאר ער איז זיך ניט *עוסק* בתורה. די גמרא זאגט: זבון וזבין תגרא איקרי? (דער וואס פארקויפט פאר דער זעלבער פרייז מיט וועלכער ער האט געקויפט און ער פארדינט גארניט דערביי, ווערט ניט אנגערופן קיין סוחר). די זאך פון עסק איז צו ליגן אין דעם און געפינען וועגן פון פארדינען מער.

דאס זעלבע איז ביי לערנען תורה, ער לערנט טאקע תורה און ער לערנט מיט אנדערע, אבער ער טוט עס אן חיות. ער פילט ניט אז ס'איז דערפון פאראן "ריוח" און "פרנסה".

ישראל אורייתא וקוב"ה כולא חד (דורך תורה ווערט א איד פארבונדען מיט'ן אויבערשטן). אבער ער פילט דאס ניט. ער איז ניט א בעל עסק וואס טוט די ארבעט אין זיין געשעפט מיט

לעבעדיקייט, נאר ווי אן ארבעטער, וואס טוט זיין ארבעט בלויז ווייל ער מוז איר אפטאן.

אויף דעם גייט ארויס אלע טאג א בת קול פון הר חורב און רופט אויס: "אוי להם לבריות *מעלבונה* של תורה". דא רעדט זיך וועגן א מענטש וואס לערנט תורה יומם ולילה, איז קען מען ניט זאגן אויף אזא מענטש אז ער איז נידעריג ווייל ער פארשטייט ניט אז מען דארף לערנען תורה. ער לערנט דאך תורה. נאר מעלבונה של תורה. וויי איז צו די וואס לערנען תורה אבער זיי פארשעמען איר. זיי שאצן ניט אפ איר מעלה און איר גרויסקייט.

(לקו"ש ח"ד ע' 1228)

---

[Back to "Leben Mit Der Tzeit"]